# הבל פיו של המברך ברכה
## דער באהאלטענער חלק פון מענטש

• הרב מנחם רוקח

### א

הלכה בכתיבת תפילין ספר תורה ומזוזה: "ופסקו דבכל גוני צריך (הסופר) להוציא התיבה מפיו קודם שיכתבנה, והטעם כתב הב"ח דכך היא מצות כתיבת סת"ם (ספר תורה תפילין מזוזות) כדי שתהא קדושת הבל קריאת כל תיבה ותיבה היוצא מפי הקורא נמשכת על האותיות כשכותב אותן בקלף" (משנה ברורה הל' תפילין לב:קלו).

### ב

די דאזיגע הלכה, קומט שטארק אין געדאנק בקשר מיט די מגפה קרוינע-ווירוס, וואס האט געפלאגט די גאנצע וועלט, ממזרח וממערב מצפון ומים, אין די חדשים פון ראש חודש ניסן - שבועות. צוביסלעך קומט מען צוריק צו נארמאל. אבער דערווייל איז מען נאך נישט פטור פון די צרה בשלימות. די דאקטוירים עצה'ן צו טראגן א מאסק (צודעק) ביים מויל צו פארהיטן פון דעם "הבל פה" פון מענטשן מיט'ן ווירוס, וועלכע איז א געפערליכער מחלה דבקת (contagious). די אידישע וועלט האט פארלארן פיעלע תורה פערזענליכקייטן [שוין געשריבן געווארן וועגן דעם ווייעדיגן פארלוסט פון דעם גערער ראש הישיבה זצ"ל, וועלכער איז געווען פאר פיעלע יארן א שטענדיגער מתפלל אין בערטשער בהמ"ד].

א דבר בעתו איז דאס פארטראכטן וועגן די דערמאנטן ב"ח, די הלכה וועגן דעם "הבל פיו" פון סופר, ביים שרייבן תפילין ומזוזות, די מזוזה פארמאגט דאך דעם כח פון שמירה (אפשר האט תפילין אויך דעם כח), "ומנהגו של עולם מלך בשר ודם יושב מבפנים, ועבדיו משמשים אותו מבחוץ, ואלו הקב"ה עבדיו מבפנים והוא משמרו מבחוץ" (ע"ז יא.). איז וויבאלד אז די מזוזה איז געשריבן געווארן ווי דער ב"ח פסק'נט אז דער סופר דארף ארויסרעדן יעדן ווארט פאר דעם שרייבן, כדי מוסיף צו זיין דעם "הבל פיו", איז דאך מסתבר אז עס פארמאגט דעם כח פון שמירה קעגן דעם "הבל פיו" פון דעם פגם'יגן ווירוס, וואס האט גורם געווען אן איבערקערעניש אין דעם הליכות עולם.

### ג

יעדער אבר פון די רמ"ח אברים האט א באזונדערן חוב צו דאנקען און לויבן דעם רבש"ע פאר דעם באזונדערן כח פון דעם אבר. די פיס האט דעם כח זיך באוועגן, די אויגן צו זעהן, די אויערן צו הערן, דער מויל

צו רעדן. אזוי איז משמע אין דעם שבת'דיגן נשמת כל חי "אילו פינו מלא שירה כים... ושפתותינו שבח כמרחבי רקיע... אין אנחנו מספיקים... כי כל פה לך יודה... וכל הלבבות יראוך..." ערשט נאכ'ן אויסרעכענען יעדן אבר באזונדער קומען זיך אלע צוזאמען "כל עצמותי תאמרנה ה' מי כמוך". [מערקווירדיג דרך אגב: ואילו פינו מלא שירה כים, דער פי' נעמט אריין דעם "הבל פיו" וואס ווערט וואסער, דעריבער מלא שירה כים].

אבער אנדערש איז דער הבל פיו פון די ריאה פון אלע אנדערע אברים. יעדער אבער האט דעם כח פון השתמשות ווען מ'דארף עס, די פיס ווען מ'וויל גיין פון פלאץ צו פלאץ, די אויגן ווען מ'דארף זעהן, די הענט ווען מ'דארף עפעס נעמען. אנדערש איז דער הבל פיו פון די ריאה - לונגען, עס פונקציאנירט יעדע רגע פון שעה, 24 שעה א טאג, 365 טעג אין יאר, וואס דעריבער דארף מען דאנקן דעם רבש"ע "על כל נשימה ונשימה".

## ד

ווען בלעם הרשע האט געוואלט טוען רשעות פאר אידן האט ער געדארפט איין רגע אוועקרייסן פון די אידענ'ס כל נשימה ונשימה. "כי רגע באפו" (תהלים ל:ו, עי' ברכות ז.). אבער ס'איז אים נישט געלונגען, ווייל "חיים ברצונו" (שם). תוספות (ע"ז דף ד.) איז מסביר אז אין איין רגע האט בלעם הרשע געקענט ברענגען שטארף מיט איין ווארט, כלם ח"ו. אבער דער רבש"ע האט צעדרייט דעם ווארט אויף "מלך", און מלך איז דאך "מלך חפץ בחיים".

## ה

## קרוינע ווירוס און צרעה

די קרוינע ווירוס וואס האט שוין אפגעקאסט פילע טויזנטער לעבענס איז א מחלה פון אן אטאקע אויף איין אבר פון די רמ"ח אברים פונ'ם מענטש, נעמליך די ריאה - לונגען, צום אטעמען, און דורכדעם פארלירט דער מענטש זיין לעבן. דערמאנט עס אן ענליכע מחלה וואס אטאקירט איין אבר ביים שונא, די מחלה וואס הייסט "צרעה".

דריי מאל רעט די תורה פון דעם צרעה אלס כלי זיין בייצוקומען דעם שונא. 1) ושלחתי את הצרעה לפניך וגרשה את החוי..." (שמות כג:כח). 2) "וגם את הצרעה ישלח ה"א בם עד אבד הנשארים והנסתרים מפניך" (דברים ז:כ). 3) "ואשלח לפניכם את הצרעה ותגרש אותם מפניכם... לא בחרבך ולא בקשתך" (יהושע כד:יב). רש"י איז מסביר צרעה איז "מין שרץ העוף והיתה מכה בעיניהם והטילה בהם ארס". דער ארס (גיפט) איז געווארן צושפרייט געגנוג אויף באזיגן די ארמייען פון די שונאים. מערקווירדיג "קרונה" איז בגימטריא 361 און מיט די 5 אותיות איז עס בגימטריא "צרעה".

דער צושטעל איז אינטערסאנט דערמיט וואס צרעה אטאקירט איין אבר (דאס אויג). קרונה אטאקירט אויך איין אבר (לונגען). און ווי קרונה ווירוס איז צושפרייט אין אלע פינות העולם, אזוי האט אויך די קליינע צרעה דעם כח צו פארטרייבן את החוי את הכנעני ואת החתי (דערמאנט אין פסוק), אבער אויך "והוא הדין לכולם" (אבן עזרא).

לאמיר דערמיט מסיים זיין בכי טוב, די קרוינע ווירוס דערמאנט אונז אין די צרעה, דאס גרינגסטער נסים'דיגער וועג איינצונעמען גאנץ ארץ ישראל פאר'ן כלל ישראל, און דאס אין זכות פון "הבל פיו" ביים לערנען אין די ספרי קודש ווי דער סופר מיט זיין הבל פיו, לויט דעם ב"ח, ביים שרייבן.